Liderbintl – Poetry Bundle

Yiddish Tish: June–August 2024

Tateh-Legende

H. Leivick (1888 Chervyen – 1962 New York)

Der alter *beys-oylem* fun Ihumen[1]
in vildkeyt farvoksn, farlozn.
Un ikh bin tzum altn *beys-oylem* gekumen
nit far geflukh[2] un geyomer
nor *brokheh* farnemen
fun untern bergl.
Harbstiker mokh – oyfn bergl,
zuniker tog – oyfn mokh.
In mir ale glider – vi strunes,[3]
un iber di strunes – a hant
fun eynem, vos shteyt oyf fun toyt
tzu vidergeburt:
– Zun, du bist do.
Gut. Gut.
Zol oyfgeyn[4] dayn shmeykhl
nit iber *kvorim* – nor beytn.
In zunikeyt gist zikh ariber mayn blut –
gist zikh ariber in a *guf* fun a tzveytn.
Ver iz der tzveyter?
Boym, vos in vald, iz der tzveyter,
shvel iz der tzveyter.
Yingl du mayner, yingl du mayner,
ikh bin dayn tate der royter.

דער אַלטער בית-עילם פון איהומען
אין ווילדקייט פאַרוואָקסן, פאַרלאָזן.
און איך בין צום אַלטן בית-עולם געקומען
ניט פאַר געפלוך און געיאָמער
נאָר ברכה פאַרנעמען
פון אונטערן בערגל.
האַרבסטיקער מאָך - אויפן בערגל,
זוניקער טאָג - אויפן מאָך.
אין מיר אַלע גלידער - ווי סטרונעס,
און איבער די סטרונעס - אַ האַנט
פון איינעם, וואָס שטייט אויף פון טויט
צו ווידערגעבורט:
- זון, דו ביסט דאָ.
גוט. גוט.
זאָל אויפגיין דײַן שמייכל
ניט איבער קברים - נאָר בייטן.
אין זוניקייט גיסט זיך אַריבער מײַן בלוט -
גיסט זיך אריבער אין אַ גוף פון אַ צוויטן.
ווער איז דער צווייטער ?
בוים, וואָס אין וואַלד, איז דער צווייטער,
שוועל איז דער צווייטער.
ייִנגל דו מײַנער, ייִנגל דו מײַנער,
איך בין דײַן טאַטע דער רויטער.

1 Ihumen – town in Belarus, known since 1923 as Chervyen.
2 Geflukh – curse
3 Strune – string or horsehair
4 Oyfgeyn – to rise

Trog oyf[1] dayn hant mayne ale barirn,[2]	טראָג אויף דײַן האַנט מײַנע אַלע באַרירן,
Trog oyf dayn moyl mayne kushn,	טראָג אויף דײַן מויל מײַנע קושן,
vos ikh hob gevolt un gezolt	וואָס איך האָב געוואָלט און געזאָלט
un eybik **geshemt** zikh dir gebn.	און אייביק ג ע ש ע מ ט זיך דיר געבן.
Un oykh mayne verter,	און אויך מײַנע ווערטער,
vos ikh hob in oremkeyt,	וואָס איך האָב אין אָרעמקייט,
vos ikh hob in troyer	וואָס איך האָב אין טרויער
farshtamlt[3] ——	פ אַ ר ש ט אַ מ ל ט - - -
Ligndik unter der erd,	ליגנדיק אונטער דער ערד,
gezen hob ikh likht fun dayn lebn –	געזען האָב איך ליכט פון דײַן לעבן -
likht fun a hartz,	ליכט פון אַ האַרץ,
vos ersht nokhn toyt vert es ofn.	וואָס ערשט נאָכן טויט ווערט עס אָפן.
Ligndik unter der erd	ליגנדיק אונטער דער ערד
gehert hob ikh ale geshreyen,	געהערט האָב איך אַלע געשרייען,
gezen ale paynen un shtrofn	געזען אַלע פּײַנען און שטראָפן
in oyfgang fun naytog	אין אויפגאַנג פון נײַטאָג
in dayne aruntergelozte dervayterte oygn.	אין דײַנע אַרונטערגעלאָזטע דערווײַטערטע אויגן.
Heyb oyf dayne oygn	הייב אויף דײַנע אויגן
un ze, vifl likht iber dir,	און זע, וויפל ליכט איבער דיר,
un iber dem shtibl	און איבער דעם שטיבל
vu du host gegebn dayn ershtn geshrey	ווּ דו האָסט געגעבן דײַן ערשטן געשריי
in vaysn legendishe Kislev.	אין ווײַסן לעגענדישע כּיסלו.
Ligndik unter der erd	ליגנדיק אונטער דער ערד
hot likht zikh tze'efnt,	האָט ליכט זיך צעעפנט,
hot vor zikh antplekt[4] – ikh zol kenen	האָט וואָר זיך אַנטפּלעקט - איך זאָל קענען
inem tog, ven du'st kumen,	אינעם טאָג, ווען דו'סט קומען,

[1] Oyftrogn – to commission, charge, engage
[2] Barir – touch
[3] Farshtamln – to stammer
[4] Antplekn – to reveal, uncover

(un kumen, gevust hob ikh muzstu!)	(און קומען, געוווסט האָב איך, מוזסטו !)
dikh oyfnemen	דיך אויפנעמען
mit klore,	מיט קלאָרע,
mit gute,	מיט גוטע,
mit likhtike verter. ——	מיט ליכטיקע ווערטער. - - -
Azoy hot geredt mayn tate	אַזוי האָט גערעדט מײַן טאַטע
fun untern *keyver.*	פון אונטערן קבר.

Geshtorbn der Letzter Baal-Tfileh

Dovid Eynhorn (1886 Karelitsh – 1973 US)
Vilna, 1910

Geshtorbn der letzter *baal-t'fileh*
farshlosn shteyt eynzam di shul,
di fentzter farshlogn, un shotns
farshemte, zey makhn zey ful.

Es ligt, vi an eybiker troyer
ariber di nakete vent
un unter der kroyn fun *kehuneh*
farbrokhene ru'en tzvey hent.

Geshtorbn der letzter *baal-t'fileh*
nito ver tzum *omed*[1] zol geyn.
Es lesht[2] zikh un tzankt der *ner-tomid*
bay zikh in zayn vinkl aleyn.

Un shtil oyf di treplekh fun *oren*[3]
di *Shechineh* an elnte shteyt;
ir kop iz geboygn in troyer
un shvartz, vi di nakht, iz ir kleyd.

Un s'dukht, ire lipn zey murmlen
a shtiles, a letztes gebet,
un s'hert zikh a shtim fun *paroykhes*[4] :
Tzu shpet, mayn getraye, tzu shpet! . . .

געשטאָרבן דער לעצטער בעל-תּפילה
פאַרשלאָסן שטייט איינזאַם די שול,
די פענצטער פאַרשלאָגן, און שאָטנס
פאַרשעמטע, זיי מאַכן זיי פול.

עס ליגט, ווי אַן אייביקער טרויער
אריבער די נאַקעטע ווענט
און אונטער דער קרוין פון כהונה
פאַרבראָכענע רוען צוויי הענט.

געשטאָרבן דער לעצטער בעל-תּפילה
ניטאָ ווער צום עמוד זאָל גיין.
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר-תּמיד
ביי זיך אין זיין ווינקל אַליין.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פון אָרון
די שכינה אַן עלנטע שטייט ;
איר קאָפּ איז געבויגן אין טרויער
און שוואַרץ, ווי די נאַכט, איז איר קלייד.

און ס'דוכט, אירע ליפּן זיי מורמלען
אַ שטילעס, אַ לעצטעס געבעט,
און ס'הערט זיך אַ שטים פון פרכת :
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט ! . . .

---

1 Omed – the cantor's lectern (Hebrew: *amud*)
2 Leshn zikh – to go out, be extinguished; tzankn – to flicker
3 Oren – the ark (Hebrew: *aron*)
4 Paroykhes – the curtain of the ark (Hebrew: *parokhet*)

A Floym

Mani Leyb (1883 Nizhin, Ukraine – 1955 New York)

In kiln ovnt hot der *baal-habos*
fun boym a rayfn floym aropgerisn
in eynem mitn blat, un ayngebisn
di toyik bloye hoyt.[1] Hot fun zayn shlos[2]

אין קילן אָוונט האָט דער בעל-הבית
פון בוים אַ רײַפן פלוים אַראָפּגעריסן
אין איינעם מיטן בלאַט, און אײַנגעביסן
די טוייִק בלויע הויט. האָט פון זײַן שלאָס

der shlofediker zaft geton a gas[3]
mit kiln shoym.[4] Un tzu farshlisn
ir gantzn zaft – a tropn nit fargisn –
hot er pamelekh, vi men trogt a *kos*

דער שלאָפעדיקער זאַפט געטאָן אַ גאַס
מיט קילן שוים. און צו פאַרשליסן
איר גאַנצן זאַפט - אַ טראָפּן ניט פאַרגיסן -
האָט ער פאַמעלעך, ווי מען טראָגט אַ כּוס

mit vayn, in beyde fule hent di floym
gebrakht der vayb un eydl[5] tzugetrogn
tzu ire lipn. Hot zi mit a libn

מיט ווײַן, אין ביידע פולע הענט די פלוים
געבראַכט דער ווײַב און איידל צוגעטראָגן
צו אירע ליפּן. האָט זי מיט אַ ליבן

"a dank" – fun zayne hent genumen nogn[6]
di floym. Biz in di hent iz im farblibn
di hoyt, dos beyndl[7] un tzeklekter shoym.

”אַ דאַנק“ - פון זײַנע הענט גענומען נאָגן
די פלוים. ביז אין די הענט איז אים פארבליבן
די הויט, דאָס ביינדל און צעקלעקטער שוים.

---

[1] Hoyt – skin, flesh
[2] Shlos – lock, joint (also castle)
[3] Gas (m) – flow, torrent; as opposed to gas (f), meaning “street”
[4] Shoym – foam, froth
[5] Eydl – noble, courteous
[6] Nogn – to gnaw
[7] Beyndl – pit, stone; tzeklekt – speckled (should it be tzeflekt?)

MAYN SHTAM REDT

Anna Margolin (1887 Brest, Belarus – 1952 New York)

Mayn shtam:	מײַן שטאַם:
Mener in atles[1] un samet	מענער אין אַטלעס און סאַמעט
Ponimer lang un bleykh zaydn,	פנימער לאַנג און בלייך זײַדן,
Farcholeshte[2] glutike lipn.	פאַרחלשטע גלוטיקע ליפּן.
Di dine hent tzertlen[3] fargelte folyontn.	די דינע הענט צערטלען פאַרגעלטע פאָליאַנטן.
Zey redn in tifer nakht mit Got.	זיי רעדן אין טיפער נאַכט מיט גאָט.
Un *sochrim*[4] fun Laypsk un fun Dansk.	און סוחרים פון לײַפּסק און פון דאַנסק.
Blanke manketn.[5] Eydeler sigarn-roykh.	בלאַנקע מאַנקעטן. איידעלער סיגאַרן-רויך.
Gemore-vitzn. Daytshe heflekhkeytn.[6]	גמרא-וויצן. דײַטשע העפלעכקייטן.
Der blik iz klug un mat,[7]	דער בליק איז קלוג און מאַט,
Klug un iberzat.	קלוג און איבערזאַט.
Don-Juanen, hendler un zukher fun Got.	דאָן-זשואַנען, הענדלער און זוכער פון גאָט.
A *shiker,*	אַ שיכּור,
A por *meshumedim*[8] in Kiev.	אַ פּאָר משומדים אין קיִעוו.
Mayn shtam:	מײַן שטאַם:
Froyen vi getzn[9] batzirt mit brilyantn,	פרויען ווי געצן באַצירט מיט בריליאַנטן,
Fartunklt royt fun terkishe tikher,	פאַרטונקלט רויט פון טערקישע טיכער,

1 Atles – satin; samet – velvet
2 Farcholeshte – weak (Hebrew *chalash*); glutik – fiery? glowing like embers (glut)?
3 Tzertlen – to flirt (caress?)
4 *Sochrim* – merchants (Hebrew)
5 Manket or manzshet – cuff
6 Heflekhkeytn – courtesies
7 Mat – dull, lackluster
8 Meshumedim – apostates (Hebrew, *m'shumadim*)
9 Getz – idol

Shvere faldn[1] fun satin-de-Lyon.	שווערע פאַלדן פון סאַטין-דע-ליאָן.
Ober dos layb iz a veynendike verbe,[2]	אָבער דאָס לײַב איז א וויינענדיקע ווערבע,
Ober vi trukene blumen di finger in shoys,[3]	אָבער ווי טרוקענע בלומען די פינגער אין שויס,
Un in di velke[4] farshleyerte oygn	און אין די וועלקע פאַרשלייערטע אויגן
Toyte lust.	טויטע לוסט.
Un grand-damen in tzitz[5] un in layvnt,	און גראַנד-דאַמען אין ציץ און אין לײַוונט,
Breytbeynik un shtark, un baveglekh,[6]	ברייטביייניק און שטאַרק, און באַוועגלעך,
Mitn farakhtlekhn[7] laykhtn gelekhter,	מיטן פאַראַכטלעכן לײַכטן געלעכטער,
Mit ru'ike reyd un umheymlekhn[8] shvaygn.	מיט רויִקע רייד און אומהיימלעכן שווײַגן.
Far nakht baym fentzter fun oremen hoyz	פאַר נאַכט בײַם פענצטער פון אָרעמען הויז
Vaksn zey vi statuen oys.	וואקסן זיי ווי סטאַטוען אויס.
Un es tzukt[9] durkh di demernde oygn	און עס צוקט דורך די דעמערנדע אויגן
Groyzame[10] lust.	גרויזאַמע לוסט.
Un a por,	און אַ פּאָר,
Mit velkhe ikh shem zikh.	מיט וועלכע איך שעם זיך.
Zey ale, mayn shtam,	זיי אַלע, מײַן שטאַם,
Blut fun mayn blut	בלוט פון מײַן בלוט
Un flam fun mayn flam,	און פלאַם פון מײַן פלאַם,

---

[1] Faldn – pleats
[2] Verbe – willow tree
[3] Shoys – lap
[4] Velke – fading; farshleyerte – veiled
[5] Tzitz – chintz or calico
[6] Baveglekh – mobile, movable (in motion?)
[7] Farakhtlekh – contemptible, contemptuous, scornful
[8] Unheymlekh – uncanny
[9] Tzukn – to twitch; demern – to twilight, to be twilight
[10] Groyzam – cruel, murderous

Toyt un lebedik oysgemisht,	טויט און לעבעדיק אויסגעמישט,
Troyerik, grotesk un groys	טרויעריק, גראָטעסק און גרויס
Tramplen durkh mir vi durkh a tunkl hoyz.	טראַמפּלען דורך מיר ווי דורך אַ טונקל הויז.
Tramplen mit *tefiles*[1] un *klales* un klog,	טראַמפּלען מיט תּפילות און קללות און קלאָג,
Treyslen[2] mayn hartz vi a kupernem glok,	טרייסלען מײַן האַרץ ווי אַ קופּערנעם גלאָק,
Es varft zikh mayn tzung,	עס וואַרפט זיך מײַן צונג,
Ikh derken nit mayn *kol* –	איך דערקען ניט מײַן קול -
Mayn shtam redt.	מײַן שטאַם רעדט.

1 Tefiles – prayers (Heb. *tefilot*); klales – curses (Heb. *k'lalot*); klog – lament

2 Treyslen – to shake

Bakenung

Uri Tzvi Greenberg (1896 Bilyi Kamin’, Ukraine – 1981 Ramat Gan, Israel)

און נישט נאָר די, וואָס רעדן גלײַך ווי איך רעד
און בעטן צו דעם זעלבן גאָט פון ד'אבות
בײַם שײַן פון שטערננעכט און גאָלד פון מיזרח,
זענען מײַנע ברידער ד'איינציקע -

Un nisht nor di, vos redn glaykh vi ikh red
Un betn tzu dem zelbn Got fun d’*oves*
Baym shayn fun shtern-nekht un gold fun *mizrech,*
Zenen mayne brider d’eyntzike –

נאָר די, וואָס אין די צאַפּלדיקע רגעס,
ווען שטערן גייען אויף און אויף די שליאַכן
פאַלט טונקל יתומקייט פון אַלע וועלטן,
שטיל וואָגלען זיי, די איינזאַמע, ווי שאָטנס,
און בענקען נאָך פיר ווענט און נאָך אַ באַלקן,
קעפּ געבוטגן,
לעפצן מורמלענדיקע . . .

Nor di, vos in di tzapldike[1] *regas,*
Ven shtern geyen oyf un oyf di shlyakhn
Falt tunkl *yosemkeyt* fun ale veltn,
Shtil voglen[2] zey, di eynzame, vi shotns,
Un benken nokh fir vent un nokh a balkn,
Kep geboygn,
Leftzn[3] murmlendike . . .

און נישט נאָר די, וואָס הילן זיך אין טלית
שחרית-צײַט, ווען דרויסן גיסט דאָס גאָלד זיך,
און גלאָקן קלינגען פון דעם הויכן קלויסטער,

---

[1] Tzapldik – quivering, trembling; rega – moment (Hebrew)
[2] Voglen – to wander
[3] Leftzn – lips

און ס'קענען נישט די פרומע האָבן ייִחוד
מיט דעם אלהות אין די מחשבות,
ווײַל יעדער גלאָקנקלאַנג איז זיי מבלבל -

Un nisht nor di, vos hiln[1] zikh in *talis*
Shachris-tzayt, ven droysn gist[2] dos gold zikh,
Un glokn klingen fun dem hoykhn kloyster,
Un s'kenen nisht di frume hobn *yichud*[3]
Mit dem *elohis*[4] in di *machshoves,*
Vayl yeder gloknklang iz zey *m'valbel*[5] –

נאָר די, וואָס פאַלן, שטויב באַדעקט, וווּ ערגעץ
אין מיטן פעלדער בײַ די ווײַסע צלמים,
און ווילן זיך צעגיסן ווי אין כוואַליעס -
הענט צונויפגעבראָכן,
מויל אין גראָזן . . .

Nor di, vos faln, shtoyb badekt, vu ergetz
In mitn felder bay di vayse *tz'lomim*,[6]
Un viln zikh tzegisn vi in khvalyes –
Hent tzunoyfgebrokhn,[7]
Moyl in grozn . . .

און נישט נאָר די, וואָס זיי'רע מיידל-גופים
זעט קיין אויג נישט, חוץ דער מאַמעס אויגן
און ווײַסע ווענט אין טאַטע-מאַמע-וווינען,
זענען מײַנע שוועסטער ד'איינציקע -

---

1 Hiln zikh – to wrap oneself
2 Gisn zikh – to pour forth
3 Yichud – sacred unification (Hebrew)
4 Elohis – the Divine (Hebrew, *elohut*); mach'shoves – thoughts, meditations (Hebrew, *machshavot*)
5 M'valbel – confusing, distracting (Hebrew)
6 Tz'lomim – images, icons (Hebrew, *tz'lamim*), perhaps a misprint for tz'lovim, "crosses"
7 Tzunoyfbrekhn – to wring one's hands

Un nisht nor di, vos zey're meydl-*gufim*
Zet keyn oyg nisht, *chutz* der mames oygn
Un vayse vent in tate-mame-voynen,
Zenen mayne shvester d'eyntzike –

נאָר די, וואָס זיי'רע גופים זענען ה פ ק ר,
ווי די סטעפּעסביימער אין די ווינטן,
און שפּאַנען דורך די גאַסן אין דעם זונבראַנד
ביז אין שפּעטע חצותן, כאָטש עס רעגנט,
און האָבן נישט קיין טרער פאַר זייער אומגליק.

Nor di, vos zey're *gufim* zenen ***hefker***,[1]
Vi di stepesbeymer in di vintn,
Un shpanen[2] durkh di gasn in dem zunbrand
Biz in shpete *chatzosn,*[3] khotsh es regnet,
Un hobn nisht keyn trer far zeyer umglik.

און נישט נאָר די, וואָס שערן זיך די האָר אָפּ
אין יענע גראָע מאָרגנס נאָך די חופּות,
אין רו פון זיסע היימען, גאָט, בטחון,
און קענען זיך באַהעפטן צו די מאַנצבילן,
וואָס האָבן זיך געטובלט אין דער מיקווה --

Un nisht nor di, vos shern zikh di hor op
In yener gro'e morgns nokh di *chupes,*
In ru fun zise heymen, Got, *bitochen,*[4]
Un kenen zikh baheftn[5] tzu di mantzbiln,
Vos hobn zikh ge*tubalt* in der *mikveh* —

---

[1] Hefker – ownerless, stray, wanton (Hebrew)
[2] Shpanen – to pace, step; zunbrand – blazing sun
[3] Chatzosn – midnights (Hebrew, *chatzot*)
[4] Bitochen – safety, security, faith (Hebrew *bitachon*)
[5] Baheftn – to unite, copulate; mantzbil – man, male

נאָר די, וואָס אין נאָוועמבער-נעכט פול טרויער,
אין גרעלן ים-ליכט פון עלעקטער-לאָמפּן,
אין הייסן זשום פון פרעמדע זעלנער-קולות,
טרינקען ביר אויף ביר און לאָזן טוען
די שיכּורים זייערע ווילדע ווילנס - -

Nor di, vos in November-nekht ful troyer,
In greln *yam*-likht fun elekter-lompn,
In heysn zshum fun fremde zelner-*koyles,*[1]
Trinken bir oyf bir un lozn tuen
Di *shikorim* zeyer vilde vilns – –

און נישט נאָר מענטשן מיט נשמות טיפע,
וואָס האָבן אויגן, הערצער, הענט און ליפּן
אין וועמענס נאָנטקייט כ׳קען מײַן האַרץ צעגיסן,
זענען מײַנע פרײַנד, די איינציקע,

Un nisht nor mentshn mit *neshomes* tife,
Vos hobn oygn, hertzer, hent un lipn
In vemens nontkeyt[2] kh'ken mayn hartz tzegisn,
Zenen mayne fraynd, di eyntzike,

נאָר די פאַרלאָזטע הינט, וואָס לויפן זוכן
אונטער יאַטקעקלעצער פּיצלעך קנאָכנס
און כ׳רוף מיר איינעם מיט אַ פּיפּס פון ווײַטנס :
קום ! ער קומט און שטײַגט אויף מײַנע קניעס
און איינס דעם צווייטן קוקן מיר אין ד׳אויגן - -

Nor di farlozte hint, vos loyfn zukhn
Unter yatkekletzer[3] pitzlekh knokhns
Un kh'ruf mir eynem mit a pips[4] fun vaytns:

---

[1] Zelner – soldiers; koyles – voices (Hebrew, *kolot*)
[2] Nontkeyt – closeness, proximity
[3] Yatke – butcher; klotz – block; knokhns – bones
[4] Pips – peep, a tiny sound

Kum! Er kumt un shtaygt[1] oyf mayne knies
Un eyns dem tzveytn kukn mir in d'oygn – –

און נישט נאָר הינט אַפילו, הינט, וואָס קלאָגן
אין לבנה-נעכט פון אונטער פּלויטן,
ווען מײַן האַרץ ווערט פול צום איבערגיסן
אין געזאַנגען-ים און תּפילה-טרערן,
זענען מײַנע פרײַנד, די איינציקע,

Un nisht nor hint *afile*, hint, vos klogn
In *levoneh*-nekht fun unter ploytn,[2]
Ven mayn hartz vert ful tzum ibergisn
In gezangen-*yam* un *t'fileh*-trern,
Zenen mayne fraynd, di eyntzike,

נאָר גאָטס באַשעפענישן אויך, וואָס שווײַגן:
ווילדע דעמבעס אין אַ פרעמדלאנד-וואַלדונג,
גראָע פעלדזן צום אַרומנעם גרייטע - -

Nor Gots bashefenishn oykh, vos shvaygn:
Vilde dembes[3] in a fremdland-valdung,
Gro'e feldzn[4] tzum arumnem greyte – –

---

1 Oyfshtaygn – to climb up
2 Ploytn – fences
3 Dembes – oak trees
4 Feldzn – cliffs; arumnem – embrace; greyt – ready